פרשת מקץ ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון ל"ב ||| שנה ב'

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פטרון סדר בראשית
הרוצה בעילום שמו
לזכותו ולזכות משפחתו
לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות

## בר בטחוני

## למען תלמד ליראה;
### וויאַזוי מ'קען צוביסלעך אַריינגיין אין דער וועלט פון אמונה

יום שני פרשת ראה, כ"ה מנחם אב תשע"ט

א

## להיטיבך באחריתך; זיך מרגיל זיין צו לעבן מיט אַ בטחון'דיגע מהלך המחשבה

### דער תכלית פון גיין אין מדבר; לעבן מיט בטחון

ס'איז דאָ אַ געוואַלדיגע שטיקל פון **'רבינו בחיי'** אין פרשת עקב, אויפ'ן פסוק (ח, טז) "למען ענותך ולמען נסותך להיטיבך באחריתך", וואו ער שרייבט אַ שטאַרקע הקדמה צו דעם גאַנצן ענין פון בטחון, וואָס מ'דאַרף דאָס גוט אָפּלערנען.

דער 'רבינו בחיי' זאָגט אַז דער גאַנצער תכלית פאַרוואָס אידן זענען געווען אין מדבר פערציג יאָר, וואו זיי האָבן זיך געפּייניגט מיט אַ גרויסע טרחא, **איז געווען פאר איין גרויסע טובה; "להטיבך באחריתך"!** ווייל אַזוי זענען אידן געוואָרן צוגעוואוינט צו אַריינלייגן אין זייערע הערצער די שטאַרקע אמונה און בטחון, אַז ס'זאָל ווערן אַ חלק פון זייער מהלך המחשבה, ס'זאָל ווערן ממש זייער טבע!

### זיך צוגעוואוינען צו אַ 'מהלך המחשבה' פון אמונה

אידישע קינדער האָבן זיך געוואַלגערט אין מדבר פערציג יאָר, כדי זיי זאָלן באַקומען דעם אמונה'דיגן סאָרט וועג פון טראַכטן: **מען דאַרף עפּעס עסן?! די ערשטע מחשבה זאל מען אַרויסקוקן צום רבוש"ע! מען דאַרף קליידער?! די ערשטע זאַך זאָל מען אַרויסקוקן צום רבוש"ע!**

דערפאַר האָט זיי השי"ת גענומען אין מדבר, וואו זיי האָבן נישט געהאַט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, **זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום אַנדערע מיטלען, זיי האָבן גאָרנישט געהאַט בלויז דעם רבוש"ע!** אַזוי זענען זיי במשך פערציג יאָר געוואָרן צוגעוואוינט צו טראַכטן אַז בלויז דער אויבערשטער קען זיי העלפן! די פערציג יאָר האָט זיי געטוישט אויף אייביג.

### די תפלה פון 'הדריכנו באמתך ולמדינו'

איז דער 'רבינו בחיי' ממשיך אַז דאָס איז אויך די תפלה וואָס **דוד המלך** בעט אין תהלים (כה, ה): **"הדריכנו באמתך ולמדינו"**. דוד המלך איז מתפלל אַז דער רבוש"ע זאָל אים אויסלערנען דעם ריכטיגן אמונה, **ביז ס'זאָל ווערן אַ חלק פון זיין טבע!**

אַמאָל איז דאָ אַז מען האָט טאַקע אַ מחשבה פון בטחון, אָבער עס בלייבט בלויז אַ ידיעה וואָס מען זעצט זיך אַוועק און מען איז מפלפל דערוועגן, אָבער ס'איז נישט קיין חלק פון דעם וועג וויאַזוי דער מח טראַכט. **דאָס האָט דוד המלך געבעטן: רבוש"ע זיי מיך מדריך אַז איך זאָל ווערן גענצליך געטוישט!** מיינע חשבות זאלן טראַכטן אויף אַזאַ סאָרט אופן!

דער רבינו בחיי איז דערמיט מפרש דעם פסוק (דברים יד, כג): **"למען תלמד ליראה את ה' אלוקיך"**. אַז מען זאָל זיין 'מלומד' צו עבודת ה', די טבע זאָל זיין אַזוי צוגעוואוינט דערצו, ביז ס'וועט זיין ממש אַ חלק פון די נאַטור פונעם מענטש! די 'אמונה' און די 'יראת שמים' וועט אים שוין נישט קאָסטן קיין טרחא און קיין ענערגיע, **נאר ס'וועט וועט זיין אַ 'דבר טבעי'**, ס'וועט זיין אַ נאַטורליכע אינסטינקט ביים מענטש!

### כל התחלות קשות; אָנהויב איז שווער צו געדענקן דעם אמת

די ווערטער פונעם רבינו בחיי איז בעצם דער יסוד פון די אַלע שיעורים וואָס מען לערנט אין חובת הלבבות שער הבטחון.

ווען אַ איד לערנט חובת הלבבות הייבט ער אָן אַריינגיין אין דעם וועג פון אמונה, ער דערהערט אַז מען דאַרף זיך נישט משתדל זיין צו שטאַרק. אפילו ווען ער דאַרף עפּעס האָבן גאָר וויכטיג, קען ער טון אַ קליינע השתדלות אָבער ער דאַרף נישט דאָרט אַריינלייגן זיין כח, ער דאַרף זיך נישט בוטח זיין דערינען. **עס קוועטשט דיך עפּעס?! זאַכן זענען נישט מסודר?! זאָג נאָך אַ קאַפּיטל תהלים! דאַוון בעסער! גיב צדקה! זיי זיך בוטח בלויז אין דעם אויבערשטן!**

אָבער ווילאַנג דער מענטש איז אין אָנהויב פון דעם וועג, איז דאָס אַ גרויסע האָרעוואַניע זיך צו דערמאַנען יעדעס מאָל באַזונדער דעם אמת איבער בטחון. ער דאַרף אַרבעטן זייער שווער ווען זיין

### ◄ אותיות מחכימות ►

רבינו בחיי דברים ח, טז

למען ענותך ולמען נסותך להיטיבך באחריתך. כל ענוי המדבר, הטורח הגדול שהיה לישראל בו, לא היה אלא להביאם לידי נסיון, להרגיל טבעם במדת הבטחון ולהכניס בלבם אמונת ה' יתברך, עד שיחזור להם רגילות העבודה לטבע.

כענין שכתוב (תהלים כה) הדריכני באמתך ולמדני, מלשון (ירמיה ב) פרא למוד מדבר, וכן (הושע י) עגלה מלומדה, כי בקש דוד ע"ה שידריכהו הש"י באמתו עד שיחזור לו מעשה עבודתו לטבע גמור.

וזהו לשון התורה (דברים יד) למען תלמד ליראה את ה' אלהיך, כלומר שתהיה מלומד ותרגיל טבעך בעבודת הש"י עד שלא תצטרך לטרוח עליו, ויהיה מעשה היראה דבר טבעי אצלך לעשותו כשאר הדברים הטבעיים אשר אתה עושה בטבע.

האַרץ ציעט אים צו מאַכן אַן איבעריגע השתדלות, און ער דאַרף דעמאָלט געדענקן אַז דאָס איז גאָרנישט ווערד.

צ.ב.ש. דער מענטש האָט שוין איינמאָל געמאַכט דעם טעלעפאָן קאָל אַז ער דאַרף האָבן דאָס געלט, אָבער יעצט וויל ער שוין נאָכאַמאָל קלינגען און נאָכאַמאָל דערמאַנען, ווייל ער שפּירט אַז צו מאַכן 'מער השתדלות' גייט אים 'מער העלפן'. **דער איד אַרבעט אָבער זייער שווער אַז ער זאָל דאָס נישט טון, נאר ענדערש זאָל ער זיך פאַרלאָזן און מתפּלל זיין צו השי"ת!** אין אָנהויב, ווען אַ מענטש דארף מאַכן דעם גרויסן טויש אין זיין מהלך החיים, קאָסט דאָס אים ממש אַ שטיק געזונט.

### די 'הרגל' פון אמונה קען ווערן אַ 'טבע שני'

זאָגט דער 'רבינו בחיי' אַז **די עיקר שוועריגקייט איז בלויז ביי דעם "כל התחלות קשות"**, אָבער נאָכדעם ווערט דאָס אַ נאָרמאַלע סדר אין זיין לעבן! **ווען אַ איד געוואוינט זיך צו מיט מחשבות פון אמונה און בטחון ווערט אים זייער געשמאַק! להטיבך באחריתך!** ס'קאָסט אים שוין נישט קיין אָנשטרענגונג!

דער איד, וואָס האָט קונה געווען בטחון, שפּירט שוין נישט ענג ווען ער דאַרף האָבן געלט אָדער אַנדערע וויכטיגע זאַכן, ווייל ער טראַכט: "אין צוויי שעה אַרום איז שוין ב"ה זמן מנחה, וועל איך האָבן נאָך אַ געלעגנהייט צו דאַווענען אַ שמונה עשרה, כ'וועל קענען נאָכאַמאָל מתפּלל זיין ביי 'אלקי נצור', אַ מחי', די זאַך איז מסודר!"

### ווען מען איז אומבאַהאָלפן איז דאָס די געלעגנהייט צו קונה זיין אַ רגילות אין בטחון

דער 'רבינו בחיי' גיט אונז דאָ צו פאַרשטיין פאַרוואָס מ'זעט אַמאָל אַז דער רבוש"ע ברענגט אַ איד זאל דורכגיין פאַרשידענע שווערע מצבים פון אַ 'מדבר'. דער מענטש טרעפט זיך אין אַ 'חוסר אונים'דיגע מציאות, ער קען גאָרנישט טון און ער ווייסט נישט וויאַזוי זיך אַן עצה צו געבן. **ווייסט פאַרוואָס דאָס געשעט?! אַלעס איז כדי 'להטיבך באחריתך'!** אַז דו זאָלסט זיך מרגיל זיין צו לעבן מיט'ן אויבערשטן!

ווען אַ מענטש זעט אַז ער איז אין אַ 'מדבר'; ער קען זיך נישט אליינס גאָרנישט העלפן; **דעמאָלט הייבט ער אָן זיך אמת'דיג פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן, און אַזוי איז ער זיך מרגיל צו 'אַלעמאָל' זיך סומך זיין בלויז אויף השי"ת!** וויפיל שנעלער דו וועסט קונה זיין דעם בטחון, אַזויפיל שנעלער וועסטו קענען אַרויסגיין פון מדבר! ווייל די גאַנצע מדבר איז דאך בלויז געצילט כדי דער מענטש זאָל זיך מרגיל זיין מיט בטחון, וויפיל שנעלער מ'לערנט זיך דאָס אויס קען מען שנעלער ענדיגן פראַווען די 'פערציג יאָר אין מדבר'!

דאָס איז אַ שטיקל 'רבינו בחיי', וואָס מ'דאַרף חזר'ן צו וויסן וואָס דער רבוש"ע וויל פון אַ איד, אַז מיר זאָלן זיך מרגיל זיין צו באַקומען אונזער חיות און אונזער בטחון פון דעם אמת'ן פלאַץ, אַזוי וועט מען לעבן רואיג און געשמאַק. להטיבך באחריתך!

ב

## אל תירא מפניהם; בטחון ראַטעוועט פון פאַלשע 'חנופה'

### די קליינע עבודה זרה פון זיך פאַרלאָזן אויף דעם 'אמצעי'

לאָמיר אַצינד לערנען דעם ווייטערדיגן המשך פון דער פּתיחה אין 'חובת הלבבות - שער הבטחון', וואו ער רעכנט אויס אַ לאַנגע ליסטע פון אַלע תועלת'ן וואָס דער 'בעל בטחון' האָט, ווען ער איז זיך בוטח אין דעם רבוש"ע.

**'ומהם'** - נאָך אַ תועלת פון דעם בעל בטחון איז, **'שהבוטח באלוקים יביאנו הבטחתו עליו שלא יעבוד זולתו'** - דער בוטח בה' דינט נישט קיין עבודה זרה. ווידעראום ווען אַ מענטש איז זיך בוטח אין אַנדערע כוחות, אָדער אין אַנדערע מענטשן, נישט אין השי"ת, **איז דאָס אַ קליינע עבודה זרה!**

דער חובת הלבבות זאָגט טאַקע דאָס לשון 'שלא יעבוד זולתו', אונז צו לערנען אַז ווען מען פאַרלאָזט זיך אויף דעם כח פון אַ מענטש איז דאָס אַביסל אַזוי ווי מען דינט עבודה זרה.

### די ערשטע עובדי עבודה זרה האָבן אויך בלויז געדינט דעם 'מזל'

צו פאַרשטיין פאַרוואָס דאָס איז ממש עבודה זרה, איז באַקאַנט וואָס דער **רמב"ם** זאָגט אַז די ערשטע עובדי עבודה זרה האָבן נישט אָנגעהויבן צו דינען 'עץ ואבן', ווייל דאָס איז דאך סתם אַ שטות. זיי האָבן צוערשט אָנגעהויבן צו דינען די 'כוכבים ומזלות' ווייל זיי האָבן זיך טועה געווען אַז די מזלות האָבן אַ געוויסע כח פון הנהגה, ווי מ'זעט אַז ס'איז דאָ מענטשן וואָס ווערט געבוירן אין אַ געוויסע סאָרט מזל. **זיי האָבן אָבער נישט געכאַפּט אַז דער מזל אליינס איז גאָרנישט ווערד, ס'איז בלויז אַ 'צינור' פאר די הנהגה פון דעם רבוש"ע און ער פירט אַלעס!**

דערפאַר ווערן די געצנדינער אָנגערופן 'עובדי כוכבים ומזלות', ווייל זיי האָבן געדינט דעם מזל, זיי האָבן געדינט דעם 'אמצעי' און דעם 'צינור' פון דער שפע.

אַלענפאַלס, קומט דאך אויס אַז יעדער מענטש וואָס איז זיך בוטח אויף אַן 'אמצעי', יעדער וואָס פאַרלאָזט זיך אַז יענער וועט מיך העלפן מיט דער פּרנסה וכדומה, איז מען דערמיט גלייך צו אַן 'עובד כוכבים ומזלות' חלילה, מען דינט אַנדערע כוחות אויסער השי"ת!

### אַ רואיגע לעבן אָן קיין שיעבודים

זאָגט דער 'חובת הלבבות' ווייטער: **'ושלא יקווה לאיש ולא ייחל לבני אדם'** - דער 'בעל בטחון' פאַרלאָזט זיך קיינמאָל נישט אויף קיין מענטשן, ווייל ער ווייסט אַז ער דאַרף בכלל נישט אָנקומען צו דעם עושר. דער אויבערשטער גיט אים פּרנסה און ער שפּירט נישט אַז די נגידים קענען אים עפּעס העלפן.

**'ולא יעבדם להתרצות אליהם'** - דעריבער וועט ער נישט אַרבעטן שווער זיי צו געפעלן. מענטשן לייגן אַריין אַזויפיל ענערגיע און אַזויפיל געלט צו געפעלן פאר עשירים, ווייל אפשר גייט ער קענען שפּעטער אַרויסנעמען עפּעס דערפון. די גאַנצע זאַך איז אָבער אַן איינפאַכע שקר פון אָנהויב ביז'ן סוף!

כ'וועל קענען נאָכאַמאָל מתפּלל זיין ביי 'אלקי נצור', אַ מחי', די זאַך איז מסודר!"

אַ איד וואָס פאַרלאָזט זיך אויפ'ן אויבערשטן ווייסט אַז ער דאַרף נישט טון די אַלע פּעולות פון 'חנופה' פאַר'ן עושר, ווייל ער וועט סייווי באַקומען אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן, אויך אָנדעם וואָס ער וועט זיך ביקן און פּרובירן צו געפעלן דעם עושר.

**'ולא יחניף להם, ולא יסכים עמהם בבלתי עבודת האלוקים'** - דער 'בעל בטחון' האָט נישט קיין פּראָבלעם צו זאָגן אַז ער איז נישט מסכים, אויב דער עושר טוט עפּעס וואָס איז נישט ריכטיג. דער בוטח בה' האָט נישט די גאַנצע מושג פון "ער האַלט מיך אויס, קען אים גאָרנישט זאָגן"... ווייל ער איז זיכער אַז ער דאַרף נישט האָבן דעם עושר, דער נגיד גיט אים גאָרנישט, אויב ס'איז באַשערט וועל איך עס סייווי באַקומען פון השי"ת, און אויב ס'איז נישט באַשערט וועל איך עס סייווי נישט באַקומען! מיין געלט און מיין הצלחה האָט גאָרנישט צוטון מיט דעם אַנדערן מענטש!

**'ולא יפחידהו עניינם'** - ער וועט נישט מורא האָבן אפילו ווען יענער וואָרנט אים. **'ולא יירא ממחלקותם'** - ער וועט זיך נישט פאָרכטן פון האָבן אַ מחלוקת מיט זיי.

### דער חילוק פון 'הכרת הטוב' און 'חנופה'

**'אבל יתפשט מבגדי טובותם וטורח הודאתם וחובת תגמולם'** - דער בעל בטחון קען זיך אויסטון פון דעם געפיל וואָס ער שפּירט אַז ער דאַרף אַרומנעמען יענעם עושר. ער דאַרף נישט אַרויסגיין פון זיין וועג יענעם צו באַדאַנקן. ס'איז דאָ אַזאַ באַגריף וואָס רופט זיך 'טורח הודאתם', דער בוטח בה' ווערט געראַטעוועט דערפון!

אודאי איז דאָ אַן ענין פון 'הכרת הטוב', אָבער **ווען אַ מענטש איז באמת מכיר טובה פאר אַ צווייטן קומט דאָס באַגלייט מיט אַ געשמאַקע הרגשה.** ער זאָגט עס אַרויס מיט אַ גוטן געפיל: "אַ יישר כח! איך האָב נישט קיין ווערטער דיך צו דאַנקן! ביזט געווען דער גוטער שליח פון הימל מיך צו העלפן!". **דאָס איז נישט קיין 'טורח'**; ער טראַכט נישט הונדערט

מאָל וויאַזוי יענער גייט עס אָננעמען און נאָך אַלע סאָרט חשבונות; ער טוט דאָס נישט כדי צו באַקומען נאָך געלט; זיין גאַנצע 'הכרת הטוב' איז אַ רוחניות'דיגע זאַך, ס'האָט נישט מיט קיין גשמיות.

מענטשן פאַרמישן זיך צווישן די צוויי זאַכן: ס'איז דאָ 'הכרת הטוב' און ס'איז דאָ 'חנופה'.

די אמת'ע 'הכרת הטוב' איז אַן ענין וואָס דער 'חובת הלבבות' אין אַנדערע פרקים זאָגט אַז **דאָס איז אַ רוחניות'דיגער יסוד פאר דער גאַנצער עבודת ה'!** ווען אַ מענטש איז מכיר אַז ס'קומט זיך מיר גאָרנישט, ברענגט אים דאָס צו אמת'דיג מכיר טובה זיין פאַר'ן רבוש"ע. ער איז מכיר טובה פאר יעדן איינעם וואָס העלפט אים, נישט ווייל עס שטימט אַזוי פּאָליטיש, נאר ווייל ער אַנערקענט אַז זיי זענען געווען שליחים פון השי"ת אים צו העלפן.

ווידער 'חנופה' איז פשוט 'שקר וכזב' און ס'האָט נישט קיין שייכות מיט 'הכרת הטוב'. עס קען אַמאָל אויסקוקן פון דערווייטנס אַז צווישן די צוויי זאַכן איז בלויז מפריד אַ 'חוט השערה', אָבער **באמת איז דאָ אַ גרויסע 'חומה' צווישן 'הכרת הטוב', וואָס ברענגט דעם מענטש צו זיין אַן ערליכער איד, און צווישן 'חנופה', וואָס איז אַ שטיק שקר**, און די גאַנצע וועלט ליגט דערינען ראשו ורובו, אַזוי ווייט אַז ס'איז שוין שווער צו זען אַ נאָרמאַלע סאָרט וועלט.

## די אָפּטייטש פון 'חנופה'

דאָס וואָרט 'חנופה', על פי חז"ל, מיינט אַז מען איז מסכים צו אַ זאַך וואָס איז נישט ריכטיג. 'חנופה' מיינט אַז מען טוישט אַרום דעם אמת. מען איז מסכים צו גיין אַביסל קרום, אָט דאָס איז 'חנופה'.

ס'איז נישט קיין אָפּגעפרעגטע זאַך ווען מ'דאַרף באַדאַנקן אַ גביר וואָס האָט געהאָלפן אַ מוסד, אָבער אַסאַך מאָל ווען דער מענטש זאָגט אַז ער מיינט בלויז 'הכרת הטוב', לאָמיר טאַקע זען וויאַזוי ס'איז דיין הכרת הטוב אינדערהיים... איז עס טאַקע אויף די זעלבע דרגא?! אָדער דאָ ליגט עפּעס טיפער ווי פּשוט'ע הכרת הטוב?!

## 'הכרת הטוב' יאָ; 'זיך נאַריש מאַכן' נישט

במאמר המוסגר, דאַרף מען אָנמערקן אַז געוויס איז אַלעמאָל געווען אַזאַ מושג פון שאַפן געלט פאר מוסדות התורה און פאר אידנ'ס וועגן. דאָס ענין פון שאַפן געלט און מכיר טובה זיין פאַר נגידים וואָס האָבן געהאָלפן תורה האָט זיך נישט אָנגעהויבן היינט. גדולי ישראל זענען אין אַלע דורות אַרומגעגאַנגען נאָך געלט, זיי האָבן מכתת רגלם געווען און זיי האָבן מכיר טובה געווען פאר עשירים וואס האָבן געגעבן צדקה פאר די מוסדות, פאר די ישיבות און פאר 'מפעלי צדקה וחסד'.

אָבער לאָמיר טאַקע זען וויאַזוי ערליכע אידן האָבן דאָס געטון; זיי האָבן זיך נישט נאַריש געמאַכט! זיי האָבן בלויז מזכה געווען אידן צו האָבן דעם זכות פון לימוד התורה, צו בויען תורה, צו העלפן אלמנות ויתומים, און ווען זיי זענען געגאַנגען נאָך געלט האָבן זיי געשפּירט זייער קלאָר: **"ווער ס'וועט האָבן דעם זכות וועט געבן געלט, און ווער נישט איז אַ סימן אַז ער האָט נישט דעם זכות"!**

שפּעטער האָבן זיי טאַקע שטאַרק מכיר טובה געווען פאַר די נותני צדקה. זיי האָבן געזאָגט פאַר'ן נגיד: "זאָלסט וויסן אַז דו האסט געהאַט אַ געוואַלדיגע מצוה". **אָבער ס'איז געקומען פון אַ ריינע פּלאַץ**, וויסנדיג באמת אַז דאָס געלט וואָס זיי דאַרפן באַקומען וועלן זיי סייווי באַקומען, די הכנסה פאַר'ן מוסד איז בכלל נישט תלוי בידי בני אדם!

דערפאַר איז דאָס נישט צוגעגאַנגען אויף אַן אופן פון **"יקווה לאיש וייחל לבני אדם"**, זיי האָבן זיך נישט נאַריש געמאַכט צו חנפ'ן דעם עושר און זיי האָבן נישט מורא געהאַט אים צו זאָגן מוסר אויב ס'האָט זיך אויסגעפּעלט. **ווייל זיי האָבן געוואוסט אַז דאָס געלט קומט בלויז פון השי"ת**, און ס'וועט סייווי אָנקומען פון ווער ס'האָט די זכי' צו זיין דער שליח.

## אפילו ווען מען דאַרף טון 'פּעולות', זאָל די מחשבה בלייבן ריין

ווען מען רעדט איבער דעם ענין פון טון 'השתדלות' צו באַקומען נדבות פון עשירים, איז גוט צו דערמאַנען דעם יסוד וואָס מ'האָט שוין אַסאַך מאָל אויסגעשמועסט, אַז אפילו אויב אַ מענטש האָט אַ ספק לגבי השתדלות, צי ס'איז טאַקע אויסגעהאַלטן אַזאַ סאָרט בטחון, איז אָבער קלאָר אַז **די אַלע ספיקות איז בלויז ווען עס קומט צו דער 'מעשה' און די 'פּעולה' פון דער השתדלות**, אָבער די 'מחשבה' דארף אַלעמאָל זיין קלאָר אַז די השתדלות העלפט נישט גאָרנישט!

בשעת אַ מענטש טוט סיי וועלכע זאַך, זאָל ער גוט געדענקן און עס אַרויסזאָגן צען מאָל פון מויל: **"די זאַך גייט מיר גאָרנישט העלפן! עס גייט מיר נישט ברענגען מער געלט! די איינציגע סיבה פאַרוואָס איך טו עס איז ווייל דער חובת הלבבות זאָגט אַז אַ איד דארף טון זיין חלק פון השתדלות!"**.

אין דעם איז זיכער נישט פאַרהאַן קיין שום ספק בדבר. קענסט ווייטער טון די השתדלות אָבער געדענק און חזר זיך אַז דאָס וועט נישט העלפן!

## די פּסוקי הנבואה; נישט מורא האָבן פון קיין מענטשן

זאָגט דער חובת הלבבות ווייטער: **'ואם יוכיח אותם, לא יזהר בכבודם, ואם יכלימם לא יבוש מהם'** - ער קען זיי מוכיח זיין ווען ס'האַנדלט זיך וועגן כבוד שמים. **'ולא ייפה להם השקר'** - ער דאַרף זיי נישט מאַכן דעם שקר שענער. **'כמו שאמר הנביא** (ישעיהו נ, ז)**: וה' אלוקים יעזר לי על כן לא נכלמתי על כן שמתי פני כחלמיש ואדע כי לא אבוש'** - ישעי' הנביא זאָגט אַז אפילו ער האָט געדאַרפט באַקומען געלט פון די מענטשן האָט ער זיי געזאָגט דעם גאַנצן אמת, ער האָט בכלל נישט זיך געזאָרגט ווייל ער האָט געוואוסט אַז דער רבוש"ע גייט אים נישט פאַרשעמען און דאָס געלט וועט שוין קומען פון אַן אַנדערע פּלאַץ.

**'ואמר** (יחזקאל ב, ו)**: אל תירא מהם ומדבריהם אל תירא, ואמר** (שם)**: מדבריהם אל תירא ומפניהם אל תחת, ואמר** )ירמיהו א, ח)**: אל תירא מפניהם, ואמר** (שם א, יז)**: אל תחת מפניהם, ואמר** )יחזקאל ג, ט)**: כשמיר חזק מצור נתתי מצחך לא תירא אותם ולא תחת מפניהם'** - דאָס איז אַלעס לשונות פון נישט מורא האָבן און נישט זיך זאָרגן פון מענטשן, אפילו מ'קען זיך איינרעדן אַז מ'דאַרף אָנקומען צו זיי.



# לא יקווה לאיש; דאָס געלט וואָס מ'גיסט אויס פאַר חנופה איז 'בל תשחית'

## מענטשן זענען נישט 'מעלה ומוריד' גאָרנישט

צוערשט האָט דער חובת הלבבות גערעדט אַז מ'זאָל זיך נישט בוטח זיין אין קיין 'השתדלות' און אין קיין 'אמצעים', ווייל קיין שום השתדלות קען אונז נישט מוסיף זיין גאָרנישט, אויף וואָס ס'איז באַשערט פון הימל.

יעצט איז דער חובת הלבבות מוסיף אַז די זעלבע זאַך איז אויך נוגע ביי מענטשן: הייב אָן פאַרשטיין אַז מענטשן זענען נישט 'מעלה ומוריד' ביי סיי וועלכע זאַך וואָס דו דאַרפסט האָבן! סיי ביי געלט, סיי הצלחה, סיי רפואה, און אַלע אַנדערע צרכים, **האָבן מענטשן נישט קיין שום מעגליכקייט צו טוישן דאָס מציאות!** בסך הכל קען דער מענטש זיין אַ שליח, און אַז נישט וועט אַ צווייטער זיין דער שליח!

## חנופה קען נישט ברענגען קיין בעסערע רעזולטאַטן

דער 'חובת הלבבות' איז שפּעטער מאריך, אין פּרק ג' פון 'שער הבטחון', אַז השתדלות קען נישט משנה זיין 'אפילו כמאומה'! אויב ס'איז עפּעס נקצב געוואָרן פון הימל איז נישטאָ די כח אויף דער וועלט וואָס קען דאָס רוקן מיט אַ משהו!

ס'איז בלויז דאָ אַזאַ מושג אַז אויב מען טוט נישט די השתדלות וואָס השי"ת האָט געהייסן, דעמאָלט האָט די שפע אַן 'עיכוב' און עס האַלט זיך אויף. אָבער **דאָס איז זיכער אַז ס'האָט נישט קיין שום פּשט זיך צו בוטח זיין אין דער השתדלות.** דאָס קען גאָרנישט ברענגען, אפילו נישט קיין משהו!

דאָ לערנט אונז דער 'חובת הלבבות' אַז די **אַלע געלט וואָס מענטשן געבן אויס אויף חנופה, צו געפעלן דעם עושר, איז דאָס פּשוט גראָבע 'בל תשחית'!** ווייל ס'איז נישט מעגליך אַז דאָס זאָל ברענגען בעסערע רעזולטאַטן אָדער מער געלט! די אַלע סאָרט נאַרישקייטן פון חנופה האָבן נישט קיין שייכות מיט ריכטיגע 'הכרת הטוב' און ס'וועט גאָרנישט ברענגען!

## די געוואַלדיגע רווחים פון 'בטחון'

דער מחבר האָט אָנגעהויבן זיין פּתיחה אַז די עיקר תכלית פון בטחון איז אַז **דאָס איז די 'אלף בית' פון עבודת ה'!** ווען אַ איד האָט בטחון וועט ער דורכדעם קענען מקיים זיין דעם "אנכי ולא יהי' לך". בטחון גיט אונז אַ געוואַלדיגע רוחניות'דיגע תועלת, אַזוי קען מען זיין אַן ערליכער איד.

אויסערדעם, איז דער 'בעל חובת הלבבות' מוסיף, אַז דער בעל בטחון וועט אויך האָבן אַסאַך אַנדערע ריזיגע רווחים, עס וועט אים אַלעס קלאַפּן,

אפילו בגשמיות, זאַכן וועלן פאָרן אין דער ריכטיגער וועג, ווייל אָן קיין בטחון אַרבעט נישט די בריאה געהעריג.

### געב נישט אַוועק דיין ענערגיע און מח פאר נישטיגקייט

אַצינד זאָגט דער 'חובת הלבבות' נאָך אַ זאַך: אַז דער מענטש וואָס האָט נישט קיין בטחון איז אַביסל ווי אַן 'עובד עבודה זרה' חלילה, ווייל ער לייגט נעבעך אַריין אַזויפיל ענערגיע אין זיין השתדלות; ער איז אַזוי טרוד אַז ער האָט שוין נישט קיין כח צו תורה און תפלה; ער קען זיך נישט צאַמנעמען דעם מח צום לערנען, ווייל ער איז פאַרנומען מיט זיינע עסקים.

אַ מענטש וואָס עס פעלט אים בטחון כאַפּט נישט אַז **ער גיט פשוט אַוועק אַ שטיק פון זיין נשמה, הארץ און מח, אַלעס כדי צו זיין אַ 'יקווה לאיש וייחל לבני אדם'!** ער איז אַזוי אָנגעשטרענגט צו טראַכטן וויאַזוי ער קען 'יענעם חנפ'ן' און וויאַזוי ער קען 'יענעם דערמאַנען אַז ער האַלט יעצט בעפאָר'ן חתונה מאַכן אַ קינד און ער דאַרף פון אים געלט... ער לייגט אַריין אַזויפיל כוחות דערינען אַז ער האָט נישט קיין 'צייט' און קיין 'מח' צו קענען דינען דעם אויבערשטן!

### אַן אָפּענע הארץ קען זוכה זיין צו וויסן דעם רצון ה'

נאָך אַ תועלת פון אַ בוטח בה' איז אַז דורכדעם איז דאָס האַרץ און דער מח משועבד צום רצון ה'!

אין ספרים הק' איז מבואר אַז יעדער מענטש קען זוכה זיין צו אַ 'נבואה קטנה', דאָס הייסט אַז **דער איד שפּירט אַ געוויסע ריכטיגע הרגשה, וואָס מען האָט אים געשיקט פון הימל**, כדי ער זאָל וויסן וויאַזוי זיך צו פירן אויפ'ן ריכטיגן וועג.

מען געפינט דאָס ביי אליעזר עבד אברהם אַז ער האָט זיך געמאַכט אַ שטיקל סימן, אויב דאָס מיידל

# זיי האָבן זיך נישט נאַריש געמאַכט צו חנפ'ן דעם עושר

וועט אים געבן וואַסער צו טרונקן איז דאָס אַ צייכן אַז ער גייט אויפ'ן ריכטיגן וועג. **דאָס זעלבע איז שייך ביי יעדן מענטש**; ווען אַ איד איז מתפלל אַז דער רבוש"ע זאל אים צייגן דעם ריכטיגן וועג, קען ער זוכה זיין צו באַקומען אַ דערהער, צו פאַרשטיין וואָס דער רבוש"ע וויל יעצט פון אים.

אָבער דאָס איז בלויז בתנאי אַז דער מענטש לאָזט זיין מח אָפּן צו הערן וואָס ס'איז דער רצון ה'. די קליינע נבואה קען נאר חל זיין ווען דער מח איז משועבד פאַר'ן רבוש"ע! אָבער אויב דער מענטש איז 'תלוי בדעת בני אדם', ער איז שטענדיג פאַרנומען "וואָס וועט יענער טראַכטן", און אַלעס דארף שטימען פּאָליטיש מיט אַלע חשבונות וויאַזוי צו געפעלן פאר מענטשן כדי צו פאַרדינען געלט, **דעמאָלט איז נישטאָ קיין פּלאַץ וואו די נבואה זאל חל זיין!** די אמת פון השי"ת קען נישט שורה זיין אויף אַ מח וואָס דינט עבודה זרה!

דאָס זאָגט דער 'חובת הלבבות': אויב דו וועסט זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיין מענטשן; דו וועסט פאַרשטיין אַז זיי קענען דיר גאָרנישט טון, **וועט דיין מח בלייבן ריין פאר עבודת ה'!** אַז דו וועסט נישט זיין משועבד צו מענטשן וועסטו קענען דינען השי"ת ווי ס'דאַרף צו זיין!

### דער עיקר איז שטרעבן אָנצוקומען צו דעם תכלית

ווען הגאון רבי **אביגדור מיללער** זצ"ל פלעגט לערנען דעם שטיקל חובת הלבבות האָט ער אַלעמאָל געזאָגט אַז מיר האַלטן נאָכנישט ביי דער מדריגה צו מקיים זיין וואָס דאָ שטייט בשלימות, אָבער לאָמיר כאָטש אָנהויבן...

מיר דאַרפן וויסן דעם אמת, טראָצדעם וואָס מיר געפינען זיך נישט דאָרט! אַזוי קען מען אָנהויבן אַרויפקריכן אויף דעם לייטער, און כאָטש שטרעבן אַז צוביסלעך זאָל מען אָנקומען צו דער דרגא פון בטחון!

אויב ווייסט מען ניטאַמאָל דעם אמת בלייבט מען דאָך אין אַ שקר אַגאַנץ לעבן! מ'דאַרף זיך צוביסלעך מרגיל זיין מיט די מדה פון בטחון ביז ס'וועט ווערן אַ חלק פון אונזער מהלך המחשבה. אַזוי ווי מ'האָט אָנגעהויבן מיט די ווערטער פון דעם 'רבינו בחיי'.

### רעדט זיך נישט איין אַז דו ביזט שוין אַ 'בעל בטחון'...

מיר כאַפּן נישט ווי ווייט פאַרדרייט אונזערע מוחות זענען און דערנאָך וואונדערט מען זיך: "עס שטייט דאך אַז 'הבוטח בה' חסד יסובבנו' און איך האָב געהאַט בטחון און כ'בין נישט געהאָלפן געוואָרן"...

טייערער ר' איד: קום לאָמיר לערנען אַביסל! לאָמיר זען ווי טיף אונזערע מחשבות זענען פאַרקרומט, פאַרדרייט און פאַרקניפּט. **ווער האָט דיך איינגערעדט אַז דו האסט בטחון?!** פאַרוואָס איז דיר בכלל איינגעפאַלן אַזאַ זאַך?! ס'איז נאָך דאָ אַסאַך אַרבעט! מ'דאַרף אַריינלייגן אַ פעסטע האָרעוואַניע צו מסדר זיין אונזער גאַנצע וועג פון טראַכטן!

ד

## שונא מתנות יחיה; דער ריכטיגער צוגאַנג צו נעמען 'כולל תמיכה' אָן קיין סתירה צו בטחון

### דער 'שונא מתנות' וויל זיין אַ 'מקבל' בלויז פון השי"ת

צו משלים זיין דעם ענין, איז דאָ אַ שיינע סוגיא פון 'שונא מתנות יחיה', וואָס איז זייער נוגע צו דעם ענין פון 'השתדלות' און 'בטחון', און מ'דאַרף דאָס גוט פאַרשטיין לויט ווי די מפרשי המקרא און די ספרים הק' זענען דאָס מבאר.

**שלמה המלך** ע"ה זאָגט אין זיין ספר **משלי** (טו, כז) "שונא מתנות יחיה" - דער וואָס האָט פיינט מתנות וועט לעבן! פאַרוואָס איז טאַקע אַזוי געפערליך צו באַקומען אַ מתנה?! איז דער '**מצודות**' אויפ'ן פּלאַץ מסביר אַז: "**השונא מתנות, כי ישען בה', אז המקום יתן לו עוד חיים, מה שאין ביד אדם לתת**".

איינער וואָס פאַרלאָזט זיך אויפ'ן אויבערשטן, זאָגט זיך אָפּ פון מתנות, ווייל ער קלערט: "פאַרוואָס דאַרף איך עס באַקומען פון יענעם?! כ'קען עס דאָך באַקומען פון השי"ת!"

### 'אוהב מתנות' איז אַ דקות'דיגע פגם אין אמונה

דער וואָס האָט ליב מתנות טוט, אין אַ געוויסן זין, זיך פאַרלאָזן אויף דעם 'נותן המתנה'. ער שפּירט אַז ער דאַרף נעמען די מתנה ווייל אַז נישט איז דאך ממש אַ שאָד... כ'קען דאָך עס באַקומען אומזינסט... עס פעלט אים אַביסל אין זיין בטחון בה'.

אָבער אַ 'שונא מתנות' איז מגלה אַז **ער פאַרלאָזט זיך בלויז אויף השי"ת!** ער גלייבט אַז ער דאַרף נישט באַקומען זיינע געברויכן דורך אַ 'מתנה', ווייל אויב ס'איז אים באַשערט וועט ער דאָס באַקומען גלייך פון דעם רבוש"ע!

### 'בטחון' מיט 'שונא מתנות' איז אַ סעט וואָס גייט צוזאַמען

אַזוי האָט מען טאַקע געזען ביי צדיקים אַז אפילו ווען מען האָט זיי געוואָלט געבן ריזיגע סכומים, האָבן זיי דאָס אָפּגעזאָגט. מענטשן האָבן אַראָפּגעלייגט אויף זייער טיש גרויסע געלטער אָבער זיי האָבן דאָס נישט געוואָלט נעמען. פאַרוואָס?! זאָגט אונז דער 'מצודות' ווייל זיי האָבן געשפּירט: "**פאַרוואָס דאַרף איך דאָס נעמען מיט אַזאַ אופן פון אַ 'מקבל', כאילו איך דאַרף אָנקומען צו דער מתנה, אויב ס'איז מיר אָנגעשריבן פון הימל וועל איך דאָס שוין במילא באַקומען!**".

אויך אין **שלחן ערוך** ווערט דאָס גע'פּסק'נט להלכה, אַז דער ענין פון 'שונא מתנות' קומט פון 'בטחון', ווי דער מחבר זאָגט (חו"מ, הלכות מתנה, סי' רמ"ט ס"ה): "**מידת חסידות שלא לקבל מתנה, אלא לבטוח בהשם שיתן לו די מחסורו, שנאמר ושונא מתנות יחיה.**"

דער שו"ע לערנט אונז אַז **די צוויי זאַכן זענען אַ 'סעט'**; די באַגריף פון 'בטחון' און די באַגריף פון 'שונא מתנות' גייט צוזאַמען! ווייל איינער וואָס איז אַן 'אוהב מתנות', ער שפּירט אַז ער דאַרף אָנקומען צו דער מתנה, ווייל אויב נישט וועט אים עפּעס

פעלן, **אַזאַ איינער איז נישט גענוג בוטח בהשי"ת.** דערפאַר זאָגט דער מחבר אַז ס'איז אַ מדת חסידות נישט צו נעמען קיין מתנות נאָר זיך פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן אַז ער וועט אים געבן אַלע זיינע געברויכן.

## דער 'בעל בטחון' באַקומט זיין לעבן פון דעם רבוש"ע

דער **מהרש"ל** אין זיין ספר '**ים של שלמה**' (חולין פ"ג סי' ט') באַציעט זיך אויף די גמרא (חולין מד, ב): אַז ר' אלעזר ווען מען האָט אים געשיקט אַ מתנה פון דעם נשיא'ס הויז, האָט ער דאָס נישט גענומען, און ווען מען האָט אים געלאַדנט צו קומען דאָרט עסן איז ער נישט געגאַנגען, צוליב 'שונא מתנות יחיה'. ווידער רבי זירא האָט טאַקע נישט גענומען קיין מתנות אויב מען האָט אים געשיקט אָבער ווען מען האָט אים געלאַדנט איז ער יאָ געגאַנגען זאָגנדיג אַז ס'איז פאַר זיי אַ כבוד ווען ער גייט אַהין, דעריבער איז ער נישט קיין 'מקבל', נאָר ער איז גאָר אַ 'נותן'.

דער 'ים של שלמה' איז דאָרט מסביר פאַרוואָס זאָגט דער פסוק 'ושונא מתנות יחיה'; ווייל סתם אַזוי וואָלט מען געקענט טראַכטן אַז אויב אַ מענטש קען באַקומען געלט און ער וויל דאָס נישט נעמען, איז ער אַ 'מאבד עצמו לדעת'; אַז דו האסט נישט וואָס צו עסן און איינער וויל דיך געבן, פאַרוואָס נעמסטו דאָס נישט?!

דערפאַר קומט דער פסוק און זאָגט 'ושונא מתנות יחיה', צו מגלה זיין אַז מען הייסט נישט קיין מאבד עצמו לדעת! **פאַרקערט, דאָס הייסט באמת געלעבט!** ווייל אַנשטאָט נעמען 'חיות' פון דעם 'נותן המתנה', נעמט ער דאָס חיות פון השי"ת! והבוטח בה' חסד יסובבנו.

## 'יחיה' איז טייטש: 'לעבן על פי השי"ת'

מען האָט אַזוי געזען ביי צדיקים, אפילו ווען זיי האָבן געהונגערט פאַר ברויט - נישט וואָס מען רופט היינט הונגעריג, ווען מען האָט נישט באַקומען אַלע דריי מאָלצייטן אַ טאָג... נאָר זיי האָבן באמת גאָרנישט געהאַט אריינצונעמען אין מויל פאַר צוויי טעג, אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט בשום אופן נהנה זיין פון קיין מתנות וואָס מען האָט זיי געוואָלט געבן. לכאורה איז דאָך דאָס פיקוח נפש?! נאָר דער 'ים של שלמה' איז מסביר דעם היתר, ווייל דער פסוק זאָגט אַז "שונא מתנות יחיה", **דער בעל בטחון וועט לעבן על פי ה'!** ער דאַרף נישט אָנקומען צו דעם אופן פון זיין אַ מקבל מתנות!

אַזוי פסק'נט אויך דער **רמב"ם** (הלכות זכי' ומתנה פי"ב הי"ז): **"הצדיקים הגמורים ואנשי מעשה לא יקבלו מתנה מאדם, אלא בוטחים בה' ברוך שמו לא בנדיבים, והרי נאמר ושונא מתנות יחיה."**

## דער נסיון ווייל מ'זעט נאָר דעם 'יעצט'

ס'איז טאַקע אַ גרויסער נסיון אַזוי צו לעבן, ווייל דער מענטש זעט דאָך נישט דעם עתיד, און ער מאַכט זיך אַ חשבון: **אויב איך וועל יעצט מוותר זיין אויף די מתנה, ווער זאָגט אַז איך וועל באַלד באַקומען דאָס געלט?!**

ערליכע אידן האָבן זיך אָבער בוטח געווען אַז דער רבוש"ע וועט זיי זיכער שיקן, ווייל: איך האָב דאָך געבעטן אין ברכת המזון "ואל תצריכנו לא לידי מתנת בשר ודם, כי אם לידך המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה"! אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָל איך באַקומען מיין שפע נישט אויף קיין אופן פון 'מידך הרחבה והמלאה'?! **ס'איז זיכער אַז איך וועל עס סיווי באַקומען און נישט דורך אַ צמצום'דיגע וועג פון אַ מתנת בשר ודם!**

## כל מזונותיו של אדם קצובים; האָט דאָך שוין נישט קיין פשט צו נעמען מתנות...

דער '**ירושלמי**' אין מסכת שקלים (פ"ה ה"ד), דערציילט אַז ס'איז געווען חסידים וואָס אַגאַנץ יאָר האָבן זיי נישט גענומען קיין מתנות פון קיין מענטשן, בלויז אין די צען טעג, צווישן ראש השנה און יוה"כ, דעמאָלט האָבן זיי יאָ גענומען מתנות, ווייל אין יענע צען טעג איז נאָכנישט 'נקצב' געוואָרן די פרנסה פאַר'ן מענטש אויפ'ן גאַנצן יאָר, דעריבער קען דעמאָלט אַריינקומען די שפע אויך דורך מתנות...

אָבער אינמיטן יאָר, איז דאך שוין נקצב געוואָרן די גאַנצע מזונות פאַר'ן יאָר, האָט דאָך נישט קיין שום פשט צו נעמען אויף אַזאַ סאָרט אופן פון 'מתנה', **ס'וועט דאָך זיכער קומען פון הימל!** די שפע איז שוין געוואָרן נקצב אָנהויב יאָר, **קען מען דען זאָגן אַז אויב כ'וועל עס נישט נעמען באופן מתנה וועל איך עס נישט באַקומען?!** אודאי' וועט עס קומען אויף אַ געהעריגע וועג!

## די תמיכה פון 'כולל אינגעלייט' און 'כלי קודש'

ווען מען לערנט די סוגיא דאַרף מען נאָך מלבן זיין איין נקודה, אַז לכאורה האָט מען שוין אַמאָל נאָכגעזאָגט וואָס דער של"ה הק' שרייבט אַז ווען מען איז מתפלל אויף שפע 'מידך הרחבה והמלאה' מיינט מען נישט אַז ס'זאָל פאַלן געלט פון הימל, נאָר אַז ס'זאָל קומען די השפעה דורך די צינורות פון טבע.

אויב אַזוי איז דאך שווער: טאָמער השי"ת האָט געשיקט פאַר'ן מענטש אַ מתנה, וואָס איז די פּראָבלעם אַז ער נעמט דאָס?! אפשר ווייל דער רבוש"ע אַז די שפע זאל יעצט קומען אויף אַזאַ סאָרט אופן?!

אויסערדעם איז שווער צו פאַרשטיין: וויאַזוי קען מען זאָגן דעם 'שונא מתנות יחיה', אויף כולל אינגעלייט וואָס באַקומען אַ 'תמיכה' צו קענען זיצן און לערנען?! אַזוי אויך אַלע אַנדערע כלי קודש וואָס באַקומען זייער פרנסה מיט אַן אופן פון אַ מתנה, וואָס טוט זיך מיט 'שונא מתנות יחיה'?! פאַרוואָס ווערט דאָס נישט גערעכנט אַז זיי זענען עובר אויף דעם מאמר חז"ל (ברכות ח, א): "גדול הנהנה מיגיעת כפיו יותר מירא שמים"?!

## די ריכטיגע אָפּטייטש פון 'שונא מתנות יחיה'

דער הייליגער **חתם סופר** באַלייכט אונז די תשובה אויף די אַלע שאלות. אין די חידושים פון מסכת חולין (מד, ב) שרייבט ער בלשה"ק: **נראה לעניות דעתי, דרוב חכמי ישראל מתפרנסים מאחרים על כרחם, שלא בטובתם, והם שונאים המתנות, והמה על אפם ועל חמתם, אך משום חיותם וחיות תורתם צריכים ליקח מתנות מאדם, ועליהם נאמר 'שונא מתנות יחיה', אע"פ שמקבלים המתנות ההמה.**

דער חתם סופר שטעלט אונז דאָ אַוועק אַ יסוד נפלא, אַז **דער באַגריף פון 'שונא מתנות יחיה' האָט פאַרשידענע מדריגות!**

ס'איז דאָ די הויכע מדריגה פון זיך גענצליך דערווייטערן און אָפּשיידן פון סיי וועלכע מתנה, און בלויז מקיים זיין דעם 'יגיע כפיך כי תאכל', צו פאַרדינען אליינס דאָס געלט און נישט זיין אָנגעוויזן אויף קיינעם, וואָס דעמאָלט קומט אַריין די ברכה פון 'וברכתיך בכל אשר תעשה'.

אָבער ס'איז אויך פאַרהאַן אַן אַנדערע מדריגה - וואָס אַזוי האָבן זיך געפירט אַסאַך צדיקים און גדולי תורה - אַז זיי האָבן באמת פיינט געהאַט מתנות, נאָר זיי האָבן דאָס גענומען 'על אפם ועל חמתם' כדי צו קענען לערנען ווייטער די הייליגע תורה! דערפאַר שטייט דאָס לשון 'ושונא מתנות יחיה', און נישט 'מי שאינו נוטל מתנות יחיה', ווייל עס ווענדט זיך בעיקר "וואו ליגט דאָס האַרץ פון דעם מענטש"!

## מ'קען זיין אַ 'שונא מתנות' במחשבה אפילו אויב מען באַקומט מתנות למעשה

דאָס איז די נקודה: אויב דער מענטש איז אַן 'אוהב מתנות' וועט ער זיך בוטח זיין אין מענטשן, ער וועט זיך שפירן משועבד צו דעם 'נותן מתנה', און דאָס איז דער היפוך פון 'יחיה', ווייל אַזוי קען מען נישט באַקומען קיין שפע!

אָבער אויב דער מענטש איז בעצם אַ 'שונא מתנות', ער לעבט און ווייסט אַז אַלעס קומט פון השי"ת, **דעמאָלט קען ער אפילו באַקומען אַ מתנה און נאָכאַלץ זיין פאַררעכנט ווי אַ 'שונא מתנות יחיה'!** ווייל ער געדענקט אַז דער מענטש וואָס האָט אים דאָס געגעבן איז בלויז אַ 'צינור', אים צו ברענגען די השפעה גלייך פון השי"ת.

ס'איז טאַקע געווען צדיקים וואָס האָבן גענצליך זיך אַנטזאָגט פון נעמען מתנות, זיי האָבן געשפירט אַז דאָס הייסט נישט "מידך הרחבה והמלאה" און זיי האָבן געהאַט אַ גענצליכע בטחון אַז דער רבוש"ע וועט זיי דאָס שיקן אויף אַ בעסערן אופן. אָבער נישט יעדער איז אין דער מדריגה, ווי דער חתם סופר זאָגט אַז ס'איז אויך דאָ אַן אַנדערע מדריגה, **מען קען יאָ נעמען מתנות, כדי צו קענען בלייבן ביים לערנען, אָבער מען איז דאָס בעצם ממאס**, מען פאַרלאָזט זיך אויך דעמאָלט בלויז אויפ'ן אויבערשטן!

## אויב דער 'נותן' שפירט אַז ער האָט עפּעס געגעבן דעמאָלט טויג שוין נישט

מ'קען נאָך בעסער פאַרשטיין אָט דעם יסוד, לויט אַ מעשה פון הגה"ק רבי **הילל קאָלאָמייער** זצ"ל.

ווען ער איז געווען אַ בחור אין דער פּרעשבורגער ישיבה, איז געווען איינגעפירט אַז די תלמידי הישיבה האָבן געגעסן 'טעג' ביי די בעלי בתים פון דער שטאָט. כנהוג.

האָט אַמאָל פּאַסירט אַז רבי הילל האָט זיך פאַרלערנט און ווען ער איז אָנגעקומען צום עסן שפּעטער ווי די באַשטימטע צייט, האָט אים דער בעה"ב אָנגעזידלט: "דו מיינסט אַז דאָ איז אַ האָטעל וואו מען קען אַריינקומען ווען מען וויל?! מען דאַרף זיך צושטעלן צו דער צייט!"

רבי הילל האָט אָפּגעגעסן, געבענטשט ברכת המזון און באַדאַנקט דעם בעה"ב זאָגנדיג: "זייט געזונט, איך וועל שוין נישט צוריק קומען דאָ עסן קיין 'טעג'".

דער בעה"ב, וועלכער איז געוואָרן איבערראַשט פון אַזאַ מעלדונג, האָט אים אָנגעהויבן איבערבעטן, אַז ער האָט זיכער נישט געמיינט אַזוי ווייט, ער האָט אים נישט געוואָלט אַזוי פוגע זיין, א.א.וו. אָבער דער בחור, ר' הילל, האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם

אַז ער קומט שוין קיינמאָל נישט צוריק צו דעם אכסני׳.

און ר׳ הילל קאַלאָמייער האָט אים מסביר געווען: ״דער רבוש״ע האָט אַזוי אויסגעשטעלט די וועלט אַז ס׳זאָל זיין אידן וואָס זיי זענען עוסק בתורה, און זייער עסן ליגט ביי אַ צווייטן אין שטוב. זיי דאַרפן בלויז אַהינגיין און דאָס אָפּנעמען.

״אָבער דאָס איז אַלעס בתנאי ווען דער ׳נותן׳ שפּירט אַז ער טוט נישט דאָ קיין טובה, ער ווייסט אַז ער איז דער צינור צו געבן די שפע פאר דעם לומד תורה. אין דער מינוט וואָס דו שפּירסט אַז דו ביזט דער וואָס גיט מיך עסן, דעמאָלט וויל איך דאָס נישט בשום אופן. ס׳איז פאַרקערט פון וואָס איך בין מתפּלל!״

די מעשה איז אַ געוואַלדיגע לימוד, אַז **אויך אַ לומד תורה וואָס באַקומט ׳תמיכה׳ דאַרף זיך נישט אָנשטרענגען צו חנפ׳ן די עשירים!** ער זאָל געדענקן גוט אַז ער באַקומט זיין פרנסה פון השי״ת אליינס, אויף אַזאַ אופן אָדער אויף אַן אַנדערן אופן. ער זאָל גלייבן באמונה שלימה אַז **אפילו אויב דער עושר וועט אים נישט וועלן געבן, וועט עס במילא אָנקומען צו אים**, מידו הרחבה והמלאה!

## דער פרייער מחלל שבת איז אַ ׳שונא מתנות׳...

עס האָט פאַרציילט הרה״ח ר׳ יודא לייב גלויבערמאַן ז״ל, בשם אביו הרה״ח ר׳ אלטר ז״ל, אַז אַמאָל איז הרה״ק רבי **אהרן הגדול מקאַרלין** זי״ע געגאַנגען אום שב״ק אויפ׳ן גאס מיט די חסידים, און אינמיטן איז זיי אַקעגנגעקומען אַ קבוצה פון פרייע יונגען, וועלכע האָבן דירעקט געוואָלט מאַכן ליצנות פון אידישקייט, און איינער פון זיי האָט נעבעך גערייכערט אַ ציגאַרעטל ה״י.

ווען רבי אהרן הגדול האָט דאָס באַמערקט האָט ער געזאָגט פאַר די אַרומיגע חסידים אַז מען זאָל זיי גאָרנישט זאָגן. דאַן ווען דער פאַרשוין מיט׳ן ציגאַר איז אַריבערגעגאַנגען דעם צדיק האָט אים רבי אהרן הגדול געזאָגט: ״לאַנג לעבן זאָלסטו״.

פאַרשטענדליך אַז אַלע האָבן זיך מורא׳דיג געוואונדערט אויף די ווערטער. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער פרייער פאַרשוין זעלבסט איז אויך צוריקגעקומען און געפרעגט מיט שטוינונג: פאַרוואָס האָט אים דער רבי געזאָגט אַזאַ ברכה, איך האָב דאך מחלל שבת געווען?!

האָט אים רבי אהרן הגדול מסביר געווען זיין כוונה: די הייליגע חכמים זאָגן (שבת י, ב) אויפ׳ן פסוק ״לדעת כי אני ה׳ מקדישכם״ - ״אמר לו הקדוש ברוך הוא למשה, מתנה טובה יש לי בבית גנזי, ושבת שמה, ואני מבקש ליתנה לישראל, לך והודיעם״. דער שבת קודש איז אַ געוואַלדיגע מתנה וואָס דער רבוש״ע האָט אונז דאָס געגעבן.

אָבער דו - האָט דער צדיק אויסגעפירט - וואָס דו ביזט מחלל שבת רח״ל, קומט דאך אויס אַז דו ווילסט נישט האָבן קיין מתנות, ביזטו דאך אַ ׳שונא מתנות׳. דערפאַר האָב איך געזאָגט אַז דו זאָלסט לאַנג לעבן, ווייל ׳שונא מתנות יחיה׳...

די הייליגע ווערטער האָבן זייער שטאַרק צעשאָקלט דעם מענטש און אויפ׳ן אָרט האָט ער אויף זיך מקבל געווען צו תשובה טון. ער איז שפּעטער געוואָרן אליינס אַ פייערדיגער חסיד און האָט אויפגעשטעלט ערליכע דורות.

## ליב האָבן צו באַקומען מתנות פון השי״ת

וועט איינער קומען און פרעגן: וואָס איז טאַקע די תשובה דערויף? עס שטייט דאך באמת אַז ׳שונא מתנות יחיה׳, און אַזוי פּסק׳נט דער רמב״ם און דער מחבר אין שלחן ערוך, פאַרוואָס דאַרף מען טאַקע נעמען די מתנה פון שבת?!

די תשובה איז אָבער זייער פּשוט: **עס ווענדט זיך פון וועמען דו באַקומסט די מתנה!** אויב דער ׳נותן׳ פון דער מתנה איז דער רבוש״ע איז דאָס אַ ׳מתנת חנם׳ ווייל מיר זענען דאָך נישט ראוי דערצו. יעדע מצוה איז אַ מתנה גמורה! מיר זענען די גרעסטע מקבלים בעולם, מיר האָבן נישט קיין שום וועג צו באַצאָלן דערפאַר אפילו דאָס מינדסטע, ס׳איז בלויז ווייל דער רבוש״ע האָט אונז ליב, דערפאַר האָט ער אונז געגעבן די מתנות!

אָבער אויב מען נעמט אַ מתנה פון אַ מענטש, ווייל מ׳רעדט זיך איין אַז אויב מ׳וועט דאָס נישט נעמען וועט מען דאָס נישט האָבן, דעמאָלט האָט מען זיך דערווייטערט פון דעם ׳יחיה׳.

ווען אַ מענטש גלייבט באמונה שלימה אַז אַלעס וואָס ער האָט באַקומט ער פון השי״ת, און אויב באַקומט ער עס נישט פון איין סאָרט וועג וועט ער עס סייווי באַקומען דורך אַן אַנדערע וועג, וועט ער טאַקע באַקומען אַ געוואַלדיגע שפע אָן קיין צמצומים, ווי דער ׳ים של שלמה׳ זאָגט אַז ס׳וועט זיין ׳יחיה מפי השם׳, **נישט בלויז וועט ער דאָס באַקומען, נאָר ער וועט דאָס באַקומען אויף דעם אופן וויאַזוי השי״ת גיט עס, והבוטח בה׳ חסד יסובבנו.** ס׳איז טאַקע נישט לייכט צו טוישן אונזער גאַנצע מהלך המחשבה, אָבער מען דאַרף אָנהויבן, והבא לטהר מסייעין אותו!

# שנים מקרא ואחד תרגום

## לעשות את השבת;

לערנען די פּרשת השבוע איז די בעסטע הכנה אויף שב״ק

יום חמישי פרשת וירא, ט״ו מרחשון תשפ״ב

א

# והכינו את אשר יביאו; ׳מעביר׳ סדרה זיין גרייט אָן די ׳נשמה יתירה׳ צום שבת

## לימוד חומש רש״י איז אן הכנה אויף שב״ק

ווען מען לערנט וועגן דעם ענין פון מעביר סדרה זיין די פּרשת השבוע, איז דאָ נאָך אַ גרויסע ענין וואָס עס שטייט פון די **מקובלים**, אַז אויסער די געוואַלדיגע רווחים פון לערנען חומש רש״י, ווי שוין אויסגעשמועסט אין די פריערדיגע שיעורים, איז דאָ אַ באַזונדערע תועלת פון מעביר סדרה זיין, אַז **דאָס גרייט אָן דעם מענטש מיט דער ריכטיגער הכנה אויף שבת קודש!**

אַזוי שטייט אין דעם באַקאַנטן **׳סידור רבי שבתי׳**, אַז פרייטאָג אינדערפרי, נאָכ׳ן דאַווענען שחרית, זאָל מען מעביר סדרה זיין ׳שנים מקרא ואחד תרגום׳, דורכדעם וועט בלייבן אין דעם מענטש אַן ׳הארה׳ פון ׳תוספות נשמה יתירה׳ אויפ׳ן קומענדיגן שב״ק. דאס לערנען די פּרשה גרייט אָן די נשמה יתירה פאר שבת.

## די פּסוקים פון ׳חק לישראל׳ שיינט יעדן טאָג אַריין דעם ׳אור השבת׳

אויך דער **חיד״א** אין זיין ספר **׳עבודת הקודש׳** דערמאַנט דעם ענין לגבי לערנען ׳חק לישראל׳ יעדן טאָג פון דער וואך. ער שרייבט דאָרט אַז מען זאָל אינזין האָבן ביי זאָגן די פּסוקים ׳שנים מקרא ואחד תרגום׳ פון זונטאָג, צו איבערלאָזן די הארה פון ׳תוספות נשמה יתירה׳ פון דעם פריערדיגן שבת; מאָנטאָג זאָל מען אינזין האָבן צו איבערלאָזן די הארה פון ׳תוספות רוח׳ פון דעם פריערדיגן שבת; דינסטאָג דעם ׳תוספות נפש׳ פון דעם פאָריגן שבת; און מיטוואָך, דאָנערשטאָג און פרייטאָג זאָל מען שוין אינזין האָבן צו מקבל זיין די נפש יתירה, רוח יתירה און נשמה יתירה פון דעם קומענדיגן שב״ק.

דער חיד״א זאָגט אַז דורך לערנען די פּסוקים פון דער פּרשת השבוע, **אפילו אינמיטן די וואך, קען מען באַקומען דאָס ליכטיגקייט פון שב״ק.** דאָס איז אַן אינוועסטמענט וואָס מען לייגט אַריין, כדי צו באַקומען אַ בעסערן שב״ק!

## געענטפערט שאלות בלויז נאָכ׳ן לערנען די פּסוקים פון דער פּרשת השבוע

מען פאַרציילט אַז הרה״ק בעל **קדושת יום טוב** זי״ע, האָט נישט געוואָלט ענטפערן קיין תשובות פאר מענטשן, בלויז נאָכדעם וואָס ער האָט יעדן טאָג געלערנט די פּסוקים פון דעם טעגליכן ׳חק׳, ווייל ער האָט צוערשט געוואָלט נעמען דעם אור פון די הייליגע פּסוקים! ער האָט בלויז געענטפערט ווען

ער האָט שוין באַקומען דעם ליכטיגקייט פון דער שבת׳דיגער ׳נשמה יתירה׳ וואָס ליגט אין די פרשת השבוע.

### ׳מעביר סדרה׳ זיין ברציפות אָן קיין הספקה

נאָכמער שטייט פון די **מקובלים**, אַז דאָס איז איינס פון די עיקר סיבות פאַרוואָס ס׳איז דאָ אַ גרויסער ענין אַז מען זאָל מעביר סדרה זיין די גאַנצע פרשה אום פרייטאָג, און מ׳זאָל נישט מפסיק זיין מיט קיין שום ׳שיחה׳, אפילו נישט מיט קיין אַנדערע דברי תורה.

אין די פריערדיגע שיעורים האָט מען דערמאַנט אַז מען זאָל נישט נעמען דעם ענין און דאָס מאַכן כאילו דער עיקר ׳מעביר סדרה זיין׳ איז נאָר דאָס. אודאי דאַרף מען לערנען חומש רש״י מיט אַ גרינטליכקייט און דאָס פרובירן פאַרשטיין גוט, אָבער בנוסף דערצו איז דאָ אַ גרויסער ענין - וואָס ווערט שוין געברענגט אין ספה״ק **ראשית חכמה** (ועי׳ **בכף החיים** סימן רפ״ה), און אַסאַך צדיקים האָבן זיך טאַקע אַזוי געפירט - אַז מ׳זאָל מעביר סדרה זיין די גאַנצע פרשה און נישט אויסרעדן מיט גאָרנישט.

דאָס האָט אויך צוטון מיט דעם נקודה, אַז ׳על פי קבלה׳ איז דאָס דער וועג וויאַזוי מען גרייט אן די ׳נשמה יתירה׳ אויף שבת. נישט בלויז מען לערנט בשעת מעשה, נאר מען מאַכט דערמיט אויך אַן הכנה פאַר׳ן שבת! דערפאַר זאָל מען נישט מפסיק זיין נאר מ׳זאָל מעביר סדרה זיין די גאַנצע פרשה אויפאַמאָל, ווייל דאָס מעביר סדרה זיין איז איינס פון די שטאַרקסטע הכנות וויאַזוי אַ איד קען זיך גרייטן אויף שב״ק.

### לערנען די פרשת השבוע העלפט ׳באופן סגולי׳ צו באַקומען דאָס ליכטיגקייט פון שבת

נאָך איידער מען גייט אַריין אין אַלע ענינים און סגולות; **וועלכער איד וויל דען נישט טון עפּעס אַז זיין שבת זאָל זיין בעסער?!** מיר ווילן דאך אַלע זוכה זיין צו שפּירן אַן אמת׳ע תענוג אום שבת, און די ספרים הק׳ זאָגן אַז איינס פון די עצות דערצו איז צו מאַכן אַן הכנה מיט׳ן מעביר סדרה זיין! דורכדעם וועט דער אור פון שבת באַלייכטן אונזער ׳נשמה יתירה׳!

> **די אַלע אַנדערע זאַכן לערנט מען דורך שנעל, ווי כאילו מען וואָלט געלערנט ׳הלכות ערלה׳**

בדרך אגב, איז אינטערעסאַנט צו אָנמערקן אַז הגאון **בעל חזון איש** זצ״ל האָט זיך געפירט צו מעביר סדרה זיין שב״ק אינדערפרי בעפאָר׳ן דאַווענען. טראָץ זיין גאַנצע גאונות און עילוי׳שקייט האָט ער נישט געטראָפן עפּעס אַנדערש צו לערנען פאַר׳ן דאַווענען שב״ק צופרי. (אַזוי האָט זיך אויך געפירט הרה״ק מקאָלאָשיץ זי״ע אַז ער האָט מעביר סדרה געווען שבת פאַר׳ן דאַווענען).

באמת אויב מען וויל רעדן איבער אַלע מנהגים פון מעביר סדרה זיין, קען מען מאַכן אַ גאַנצע שיעור מיט אַלע צענדליגער שיטות וויאַזוי צדיקים האָבן זיך געפירט צו מעביר סדרה זיין. דער שיעור איז נישט געבויעט אויף ידיעות ווען צדיקים האָבן מעביר סדרה געווען. מען האָט בלויז דערמאַנט דעם מנהג פון דעם חזו״א, ווי מ׳זעט אויך דעם צוגאַנג, אַז דאָס איז אַן ׳ענין סגולי׳ פון אָנגרייטן די נשמה אויפ׳ן שבת, ווייל אַז נישט וואָלט ער דעמאָלט געקענט לערנען אַזויפיל אַנדערע זאַכן, אַזויווי ס׳איז דאָ אַסאַך מקומות וואו מ׳לערנט שבת אינדערפרי גמרא תוספות, אָדער מען איז עוסק אין אמירת תהלים, וכדו׳.

### מצוה מן המובחר; מ׳דאַרף קענען די פרשה כדי צו מיטהאַלטן דאָס ליינען

ס׳איז באַקאַנט דער ספר **׳סדר היום׳**, וואָס איז נתחבר געוואָרן דורך אחד מגדולי המקובלים בזמן האר״י ז״ל, און ס׳איז אויסגעשטעלט לויט דעם סדר היום פון דער גאַנצער וואך און דערנאָך פון שב״ק.

ווען דער ׳סדר היום׳ רעדט וועגן ׳קריאת התורה׳ פון שב״ק שרייבט ער בלש״ק: **״כשהחזן מתחיל לקרות יהיו אזני כל העם אל הספר תורה, ומצוה מן המובחר שיהיה ביד כל אחד חומש, ויבינו בו מילה במילה לכל דבר שהחזן קורא, ובזה לא יפנה מחשבתו לשום דבר אחר בעולם, ואפילו בדברי תורה אחרים אין ראוי, כי אם לשמוע את הדברים אשר יוצאין מפי הקורא, ולכוין בהם כפי יכולתו. לכן צריך כל אדם להשתדל, לשמוע ולהקשיב באזניו פתוחות, כמו ששומע פתגם המלך הבא עלינו מחדש. כאשר אמרו חז״ל ׳אשר אנכי מצוך היום - יהיו חביבין בעיניך כאלו היום נתנו׳.**

דער סדר היום זאָגט אַז ס׳איז אַ ׳מצוה מן המובחר׳ צו מיטהאַלטן דאָס ליינען מיט אַ חומש און מ׳זאָל גוט פאַרשטיין יעדעס וואָרט פון דעם ׳בעל קורא׳, כדי מען זאָל נישט טראַכטן פון קיין אַנדערע זאַכן. מען זאָל זיך משתדל זיין צו גוט אויסהערן מיט אָפענע אויערן און אַריינגיין אין דעם מצב, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ נייע בריוו וואָס איז יעצט אָנגעקומען פון דעם קעניג.

מ׳זעט פון דעם סדר היום אַ פשטות׳דיגן טעם פאַרוואָס מ׳דאַרף מעביר סדרה זיין אַלס הכנה פאַר׳ן שבת: ווייל **ס׳איז נישט שייך צו פאַרשטיין וואָס דער ׳בעל קורא׳ זאָגט נאר אויב מען האָט שוין געלערנט די סדרה בעפאָר׳ן ליינען!**

ס׳איז דאך פאַרהאַן אַזויפיל פסוקים וואָס דער דורכשניטליכער מענטש האָט נישט קיין מושג וואָס דאָרט שטייט. ער פאַרשטייט טאַקע בערך די ענינים פון וואָס די פרשה רעדט זיך, **אָבער ס׳איז דאָ אַסאַך פסוקים וואָס ער ווייסט נישט די פשוט׳ע טייטש דערפון!**

דערפאַר דאַרף מען צוערשט לערנען די פסוקי הפרשה מיט רש״י און מיט די אַנדערע מפרשים וואָס זענען דאָס מסביר, **אַזוי קומט מען שוין אָן צוגעגרייט צו ׳קריאת התורה׳**, אַז ווען מען הערט דאָס ליינען זאָל מען שוין קענען גוט הערן און פאַרשטיין יעדעס וואָרט וואָס דער ׳בעל קורא׳ זאָגט.

ב

## פתח לבי בתורתך; לערנען די פרשת השבוע עפנט דאָס האַרץ פון אַ איד

### רבי חיים וויטאַל זצ״ל: ״תכלית כל בריאת האדם ותכלית עסקו בתורה״

דער הייליגער רבי **חיים וויטאַל** זצ״ל אין ספר ׳עץ חיים׳ (שער הנהגת הלימוד) שרייבט איבער דעם ענין פון מעביר סדרה זיין וזל״ק: **״עיקר כונת הקריאה בתורה תלוי בזה, שיכוון האדם לקשר את נפשו ולהדביקה לשורשה על-ידי התורה, כדי להשלים אילן העליון של הנשמות, והוא תיקון גדול, כי זהו תכלית כל בריאת האדם ותכלית עסקו בתורה.״**

ער רעדט אויף די קבלה׳דיגע שפּראַך אַז ווען אַ איד איז מעביר סדרה זיין זאָל מען אינזין האָבן צו עפענען דאָס האַרץ און מדבק זיין דעם נפש צו דעם שורש פון דער תורה. דאָס איז אַ מורא׳דיגער תיקון. ס׳איז דער תכלית פון דער גאַנצער בריאת האדם און דער תכלית פון לערנען תורה.

### ׳קריאת התורה׳ איז מסוגל צו באַקומען אַ ׳פתיחת הלב׳

צו אַביסל פאַרשטיין פון וואָס מ׳רעדט דאָ: **די תורה הק׳ האָט אַ כח צו עפענען דאָס האַרץ פון מענטשן**, ווי מיר בעטן ׳פתח לבי בתורתך׳.

די תורה העלפט אַז אַ איד זאל אָנהויבן פאַרשטיין זאַכן וואָס ווילאַנג מען כאַפּט דאָס נישט טוט מען עס אויף אַן אופן פון ׳מצוות אנשים מלומדה׳. אָבער איינמאָל דאָס האַרץ פאַרשטייט עס טוט מען דאָס מיט אַסאַך מער געפיל און כוונה. די תורה העלפט אַז דער ׳דעת׳ ווערט ׳נקלט בלב׳, מען איז דאָס קונה מיט אַ קנין גמור און דורכדעם קען זיך דער מענטש טוישן זיינע מעשים אויף אַן אמת!

רבי חיים וויטאַל איז אונז מגלה אַז **שב״ק אינדערפרי, ביי קריאת התורה, איז דער גרעסטער ׳זמן המסוגל׳ ווען מען קען באַקומען אָט די פתיחת הלב, אַז די תורה זאל נקלט ווערן אין האַרץ!** ווען דאָס פאַסירט וועט דער מענטש זיך טוישן במציאות! דער כח וואָס ליגט אין דער תורה וועט אים העלפן משנה זיין זיינע מעשים!

### אַ איד קען יאָ זוכה זיין זיך צו טוישן לגמרי

דערפאַר זאָגט ר״ח וויטאַל אַז דאָס איז די תכלית האדם און די תכלית פון עסק בתורה! ווייל **ווען מען**

**באַטראַכט מענטשן זעט מען אַז געווענליך בלייבן זיי די זעלבע ווי פון יונגוויז אָן, מיט זייער גאַנצע אופן פון טראַכטן, רעדן און אויפפירונג.** ווען מען קוקט אָן אַ מענטש ביי די דרייסיג יאָר און דערנאָך ביי די פערציג יאָר זעט מען נישט קיין דראַסטישע שינוי אויף אים, ער איז נישט געוואָרן קיין נייער מענטש.

אָבער רבי חיים וויטאַל זאָגט אונז אַז די אמת'ע תכלית פון עסק התורה איז אַז דער מענטש זאָל יאָ קענען אויפשטייגן און זאָגן: "איך וויל ווערן אַ נייע סאָרט מענטש"!

דאָס מיינט אוודאי נישט אַז מען זאָל באַקומען אַנדערע נאַטורן. יעדער מענטש האָט דאָך אַ 'תכונות הנפש' וואָס דאָס איז זיין תפקיד אויסצופירן אויף דער וועלט. אָבער ס'מיינט יאָ אַז ער זאָל נישט נוצן זיינע שלעכטע חלקים און יאָ אויסנוצן זיינע גוטע חלקים אַסאַך בעסער!

## דער יצר הרע וואָס לאָזט נישט זיך מתבונן זיין ביים לערנען

ס'איז דאָ אַ ריזיגע "יצר הרע", וואָס מ'דאַרף רעדן דערפון הונדערטער מאָל. דער יצר הרע וואָס זאָגט פאַר אַ מענטש: "לערן פלייסיג, אָבער זאָלסט הנאה האָבן בלויז ווען דו זעהסט עפּעס וואָס איז מחזק דיין שיטה און דיין התנהגות"... זעהסטו? דאָס וואָס איך טו, אַזוי איז די ריכטיגע וועג!"

דער סאָרט יצר הרע מאַכט אַז מיר זאָלן אַגאַנצע צייט זוכן 'מראי מקומות' אויף אונזער התנהגות... די אַלע אַנדערע זאַכן לערנט מען דורך שנעל, ווי כאילו מען וואָלט געלערנט 'הלכות ערלה' אָדער 'משניות מסכת מכשירין', וויל דאָס איז אונז נישט נוגע. אפילו אויב דאָס איז 'הלכות ברכות' אָדער 'הלכות שבת' וועט מען זיך נישט מתבונן זיין דעריננען. דאָס לערנט מען בלויז וויל מען דאַרף לערנען...

ווען אַ איד לערנט מסכת יומא און ער וועט דאָרט טרעפן די גמרא (יט, ב): "ודברת בם, ולא בדברים בטלים". טראַכט ער גלייך אַז אפשר 'בזמן הבית' איז דאָס געווען שייך... ס'איז דאָך זייער אומאַנגענעם, דעריבער גיט מען דאָס אַ לערן דורך, מען ענדיגט שנעל דעם עמוד און מ'זאָגט 'ר' חנניה בן עקשיא אומר'... פאַרוואָס?! **וויל מ'קען זיך נישט טרעפן דערמיט!** וואָס הייסט אַז איך זאָל נישט רעדן קיין דברים בטלים?! מען ווערט אַזוי אומבאַקוועם אַז מען גייט פשוט ווייטער.

דאָס איז דער "יצר הרע" וואָס האָט נישט ליב אַז אונזער לערנען זאָל זיין אויף אַן אופן, אַז ווען מען שטעלט זיך אויף פון דער גמרא זאָל מען זאָגן: **"מיין אַלטע אויפפירונג איז אַלעס געווען ביז'ן לערנען, אָבער יעצט אַז איך האָב געלערנט זע איך אַז כ'בין נישט גערעכט און איך גיי אָנהויבן פּרובירן זיך צו טוישן. איך ווייס נאָכנישט פונקטליך וויאַזוי, אָבער עפּעס דאַרף מען טון!"**

דאָס איז למעשה די 'תכלית בריאת האדם' און די 'תכלית פון עוסק זיין בתורה', אַז דער מענטש זאָל טרעפן אין דער תורה וואו ער דאַרף זיך פאַררעכטן, און ער זאָל טאַקע אָנהויבן זיך טוישן זיינע מעשים, אַדאַנק די תורה!

## שבת עפנט זיך דאָס האַרץ און די שערי תורה

קומט דער הייליגער **'שפת אמת'** (שבת שובה תר"ס) און זאָגט אונז אַז הגם געווענליך ווען אַ מענטש לערנט תורה דאַרף ער האָבן אַסאַך סייעתא דשמיא אַז די תורה זאָל טאַקע משפיע זיין אויף אים, וויל נישט אַלעמאָל איז דאָס האַרץ אָפן צו מקבל זיין. אָבער **שבת איז מסוגל פאַר דער זאַך! אום שבת ווערט געעפנט די שערי תורה און עס ווערט אויך געעפנט דאָס האַרץ פון אידן צו מקבל זיין די תורה!** שבת איז דאָס האַרץ מער אידל און מ'קען דעמאָלט קולט זיין די 'אור' פון תורה.

דערפאַר - זאָגט דער שפת אמת - איז שבת פאַראַן 'לחם משנה', וויל דאָס איז מרמז אויף **'תורה שבכתב'** און אויף **'תורה שבעל פה'** וואָס ווערט נתגלה אום שבת. דאָס האַרץ פון אַ איד קען אין דעם טאָג מקבל זיין דעם אור פון תורה!

## ער טרעפט יעדע יאָר פרישע חידושים אין דער פרשה לויט זיין יעצטיגע מצב

ממש געציילטע טעג צוריק האָט מיך אַ אינגערמאַן דערציילט מיט אַזאַ התרגשות, וויאַזוי ער האָט געזען די ווערטער פונעם 'שפת אמת' אין זיין פריוואַטע לעבן.

מ'רעדט פון אַ אינגערמאַן וואָס איז אַ תלמיד חכם עצום. אַגאַנצע וואָך האָרעוועט ער אויף גמרא תוספות און שו"ע מיט די נושאי כלים, מיט אַ שטאַרקע לומדות און בקיאות. און צוזאַמען דערמיט איז שוין אַ שיינע עטליכע יאָר וואָס ער לערנט יעדן שבת חומש רש"י מיט אַ גרינטליכקייט, כדי דאָס צו גוט פאַרשטיין הלכה למעשה און אַרויסנעמען דערפון הדרכה אויפ'ן לעבן.

דער אינגערמאַן דרוקט זיך אויס: "ווי די יאָרן זענען אַריבער, בין איך געוואָרן אַזוי מקושר צו דעם לימוד פון חומש רש"י, עד כדי כך אַז אין מיין מח איז געוואָרן ווי אָפּגעמאַכט אַז אַגאַנצע וואָך איז מען עוסק אין 'תורה שבעל פה' אָבער שבת איז מיוחד פאַר 'תורה שבכתב', איך נעם אַזויפיל חיות דערפון!"

דער אינגערמאַן זאָגט מיט אַ ליכטיגע שיין אין די אויגן: **"יעדעס יאָר עקסטער טרעף איך אַזויפיל חידושים אין חומש רש"י! ס'איז דאָך אַ פשוט'ע זאַך, וויל יעדעס יאָר ווען מען לערנט די פרשה געפינט מען זיך אין אַן אַנדערע סאָרט מצב! כ'האָב טאַקע געלערנט פרשת חיי שרה פאַראַיאָר לויט דעם מציאות פון פאַראַיאָר, אָבער דאָס יאָר האָב איך אַנדערע סאָרט נסיונות, און אַלעס שטייט פונדאָסניי אין דער פרשה!"**.

אַמאָל דאַרף מען האָבן חיזוק, אַמאָל דאַרף מען האָבן שטאַרקייט צו טון די ריכטיגע זאַך, יעדעס יאָר טרעפט זיך דער מענטש אין אַן אַנדערע פּאָזיציע. און **אין דער תורה ליגט אַלעס!** יעדעס יאָר באַמערקט מען נייע שטיקלעך רש"י, נייע ווערטער פון אור החיים הק', וואָס נעמט איבער דעם גאַנצן האַרץ און גיט אַריין אַזאַ לעבטיגע חיות!

## די תורה איז אַזוי טיף אַז נישט אַלעמאָל באַמערקט מען וואָס דאָרט שטייט

ווען דער מענטש דרייט זיך דאָ אַרום אויף דעם 'עולם העשיה' איז אַלעמאָל דאָ אַ 'מסך המסתיר' וואָס מאַכט אַז ער זאָל נישט באַמערקן קיין זאַכן אין דער תורה.

דאָס איז אַזוויי איינער וואָס שפּאַצירט אַריבער אַ געוויסע חפץ צען מאָל און נאָכדעם ווען מען זאָגט אים דערוועגן, כאַפּט ער זיך אַז ער האָט דאָס פשוט נישט באַמערקט, הגם ס'איז געשטאַנען פאַרנט פון זיינע אויגן האָט ער דאָס נישט אין אַכט גענומען.

די זעלבע זאַך איז דאָ ביי תורה און נאָך אַסאַך טיפער! אַ ביישפּיל דערצו קען מען זען ביי די מגידי שיעורים אין ישיבה, אַז אפילו נאָכדעם וואָס זיי האָבן צענדליגער מאָל פאַרגעלערנט טיפע שיעורים, זיי האָבן שוין אויסגעקנאָטן די בלעטער גמרא פון אַלע זייטן מיט אַלע ראשונים ואחרונים, הערט מען אַלעמאָל פון זיי דעם אויסשפּראַך, אַז אַ יונגער בחור'ל האָט געפרעגט אַ קשיא וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט געטראַכט דערפון. זיי וואונדערן זיך אפילו צו זיך אַליינס, ווי קען זיין אַזאַ מציאות?! זיי האָבן דאָך שוין אַ היקף אין אַלע מסכתות פון 'נשים' און 'נזיקין', זיי האָבן שוין געלערנט 15 יאָר אין כולל איידער ווערן אַ מגי"ש, וויאַזוי קען זיין אַז אַ יונגער בחור וואָס איז יעצט אַריינגעקומען אין ישיבה פאַרשטייט בעסער?!

דאָס איז אָבער די מציאות פון תורה, די הייליגע תורה איז אָן קיין גבול! ס'איז אַזוי טיף, אַז ס'איז אַלעמאָל דאָ זאַכן וואָס מען באַמערקט נישט און מ'איז אָנגעוויזן אויף סייעתא דשמיא דאָס צו אויפכאַפּן.

## שב"ק האָט די סגולה אַז דעמאָלט קען מען אויפכאַפּן די דברי תורה

שבת קודש האָט דעם כח, אַז **דעמאָלט עפנט זיך די 'שערי התורה' און עס עפנט זיך די 'שערי הלב' פון אידישע קינדער צו מקבל זיין דברי תורה!** ווי דער שפת אמת זאָגט דאָס לשון: "ונפתח בו לב איש ישראל לקבל דברי תורה".

דער 'שפת אמת' טייטשט דערמיט דעם פסוק "ביני ובין בני ישראל אות הוא לעולם", אַז יעדן שבת גיט דער רבוש"ע נאָכאַמאָל די תורה פאַר אידן! **שבת איז אַ מורא'דיגע צייט ווען עס ווערן געעפנט אין הימל די שערי תורה, און אויך דאָ אונטן עפענען זיך די הערצער פון אידן צו קולט זיין די תורה!** דעריבער לערנט מען שבת די תורה, וויל דאָס איז דער זמן צו קענען דערהערן די תורה, אַז די פסוקים זאָלן אונז אַריינשיינען!

אַזוי ברענגט דער 'שפת אמת' אויך אין פרשת בראשית (תרמ"ח), אַ לשון פון **'ירושלמי'**, אַז דער פסוק 'היום אם בקולו תשמעו', גייט אַרויף אויפ'ן טאָג פון שב"ק, וויל דעמאָלט קען מען ריכטיג דערהערן דעם קול פון דער תורה!

### אותיות מחכימות

שפת אמת, שבת שובה, תר"ס

שבת מיוחד ביותר לתשובה, כי בו נפתח שער התורה ונפתחים לבות בני ישראל לקבל התורה. לכן בשבת לחם משנה רמז לתורה שבכתב ושבע"פ שנתגלה בו טעמי תורה. ונפתח בו לב איש ישראל לקבל דברי תורה. לכן שבת ביני ובין בנ"י אות כו', שהיא עדות על ישראל, כמו שנפתחים למעלה שערי תורה, דבשבת ניתנה תורה, וזה קריאת התורה בשבת. ובו נפתחים לבות בנ"י אל התורה ובשבת נקראו בנים. דיש בבני ישראל בח' עבד ובן. עבד בימי המעשה ובן בשבת קודש.

להצטרף לקבלת השיעורים או החוברות באימייל ולשלוח הערות: ארה"ב 718.387.1122 | א.י. 03.3096216 | Email. info@machonhavineini.com
קול הבינני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223